דעם 19טן דעצעמבער 1967

ליבער אברהם-כאטקל דער גנעדיגער דיכטער,

לאמיר רעדן קלארע דבורים. איך האב ליב לירישקייט. דו ביסט ליריש דאן, ווען דו באשרייבסט פערזענלעכע דערפארונגען און "שמערצן". ביז איצט בלייבט נאך אלץ מיין באליבטסט ליד "א שאלה" געדרוקט אין לעצטן נומער. פאר וואס? ווייל דאס גיט איבער דיין אנגעוויטיקטקייט און דיין פארלארנקייט ווי א יונגער ייִדישער דיכטער, און די דאזיקע פראבלעמאטיק איז מיר ניט אין גאנצן פרעמד. ווען דו שרייבסט אבער פראטעסטלידער (זאלן זיי זיין פאעטישע ווי דאס לעצטע אין 10טן נומ'), בלייב איך קיל און דערווייטערט. קענסטו שרייען אויף מיר, ווי ס'האט געשריִען שמערקע קאטשערגינסקי אויף סוצקעווערן מיט 40 יאר צוריק: "דאס איז א צייט פון שטאל, און ניט פון קרישטאל!" וועל איך מסכים זיין, אבער דאך וועט מיר מערער געפעלן די עסטעטיק (וואס, ווי באווּסט - עסט עטיק). דערפון איז געדרונגען, אז די פאר שורות וואס דו האסט מיר ציטירט האבן ביי מיר שטארק אויסגענומען הן פאר זייער ווײ-געשריי, הן פאר זייער הומאר (דאס איז אגב א דערפאלגרייכע קאמבינאציע אין דער ייִד' ליטעראטור). דיין פארלייג וועגן ארויס-געבן א קאנקורענץ-זשורנאל צו די גאלדענע קייט איז מיר זייער געפעלן. היינט איך קלאס האבן מיר געזען די עקספרעסיאניסטישע ליטעראטור-שריפטן וואס זענען ארויס אויף ייִדיש פון 1919 ביז די אנהייב דרייסיקער יארן, און כ'בין געווארן שטארק באגייסטערט. יונג-ייִדיש (לאדזש, 1919 רעדאגירט פון משה בראדערזאן) איז ארויס אויף ברוינעם פאקפאפיר אין "פאליא"-גרייס. מיט צייכענונגען וואס דערמאנען שטארק "דער קאבינעט פון ד"ר קאליגארי" דאס מיינט צו זאגן, די דייטשע עקספרעסיאניסטישע מאלערס. דארטן האבן געשריבן אורי צבי גרינבערג, יצחק קאצענעלסאן, ישראל שטערן און מלך ראוויטש. דערנאך דער זשורנאל אלבאטראס (ווארשע-בערלין, רעדאגירט פון אורי-צבי גרינבערג). אויך זייער גרויס און פול מיט צייכענונגען. און לויט שמערוקן דער לעבעדיקסטער פון די צייטשריפטן - כאליאסטרע (ווארשע-פאריז, רעדאגירט פון פרץ מארקיש) ווו ראוויטש איז אויך געווען פון די פירערס. דא זיינען די צייכענונגען פון מארק שאגאל, ווי אויך דער בארימטער שער-בלאט. און נאר צו באווייזן דיר ווי אזוי דער עקספרעסיאניזם האט איינ-גענומען כמעט אלע יונגע ייִדישע דיכטערס אויף דער גאנצער וועלט, וועל איך בלויז דערמאנען די אנדערע זשורנאלן וואס אט די "באוועגונג" האט פראדוצירט: אינזיך (נ"י, רעדאגירט פון גלאטשטיין, לעיעלעס און מינקאוו), רינגען (1922, רעדאגירט פון מארקישן), די וואג (רעדא-גירט פון ראוויטשן), טריט (ווין, אויך ראוויטש), אפן שוועל (ריגע) שויבן (בוקארעסט), שטראם (מאסקווע 1922-24) און אייגנס (קיִעוו). וואס וויל איך דערמיט זאגן? אז אונדז וואלט אויך ניט געשאדט צו טרעטן אויף ניט געטראטענע דרכים און שפייען אויף דער וועלט. אפשר וועלן מיר ארויסגעבן דיינע לידער (ווען דו וועסט האבן אנגעזאמלט גענוג) אין אזא פארעם. איך וועל רעדאגירן די אויסגאבע און צוגרייטן א פראגראמאטישן ארייַנפיר.

איך קען זיך בלויז דערמאנען איין בריוו וואס אפשר האסטו אים ניט דערהאלטן. דארטן האב איך דיר ציטירט עטלעכע פראגמענטן פון אורי צבי גרינבערגס "מעפיסטא". דעם בריוו נאך דעם האסטו, דאכט זיך יא באקומען. אדרבא, שיק מיר קאפיעס פון דיינע לידער, וועל איך דיר שיקן קאפיעס פון די זאכן וואס איך לערן, ווי למשל א זייער קאמישע און סאטירישע רעצענזיע פון משה-לייב האלפערן וועגן מאריס ראזנ-פעלד (ער שרייבט: „אלזא, דאס בוך פון ליבע - ראזנפעלדס לעצטע ווערק - טויג ניט. דאס איז אמת, אבער ניט דערפאר ,ווייל מאריס א ראזענפעלד איז קאליע געווארן' נאר איינציק און אליין דערפאר ווייל מאריס ראזענפעלד איז גאנץ באשטימט ניט קאליע געווארן"!) אדער בערגלסאנס א גאר אינטערעסאנטן ארטיקל וועגן פארעם און אינהאלט אין דער ייִד' ליטעראטור נאך דער רעוואלוציע. אדער א גאר אינטערעסאנטן דאקומענט פון א פוילישן משכיל משה מארקוזי וואס האט אין 1789 געשריבן אין אן ענלעכן סטיל צו מענדעלען. איך הייב אן איינצוזען אן וואס פאר א ים איך בין אריינגעפאלן און איך האב גרויס הנאה פון שווימען אין דיינע ווארעמע וואסערן (איך ווייס, דער מעטאפער טויג אויף השעה ניינציק).

אגב, אין 61סטן נומער דאס קויטיקע גאלד איז פאראן א נאטיץ אז ד–ה ראסקעס איז געקומען צו פארן אין ישראל און גרייט צו א ליטע-ראַרישע רעוואלוציע. דער אוונט לכבוד 60 נומערן פונעם זשורנאל איז געווען א פאלנער דורכפאל. בלויז איין מענטש האט אינטעליגענט גערעדט – דער דיכטער אריה שמרי. ער האט געפרעגט די פראגע צי די ייִדישע ליטעראטור איז א פרעמד געוויקס אין ישראל דערפאר וואס זי ~~אירט~~ איז אויסגעפורעמט געווארן אין ווייטע לענדער. ענטפערט ער, אז ער האט מורא אז די איינציקע וואס האבן איבערגענומען די טראדיציע פון די העברעיִשע קלאסיקער זיינען די ייִדישע דיכטערס און פראזאיקערס. די ישראלדיקע ייִדיש-ליטעראטור גייט נאך אין די דרכים פון ביאליקן. אין איר ווערט אפגעשפיגלט דער טראגיזם און גאולה-שטרעבונג פון יוסף-חיים ברענער און די בעל-שם טוב-ליבע צו דער נאטור פון אן א.ד. גארדאן. די היינטצייטיקע העברעיִשע דיכטונג איז שוין אוועק זייער ווייט פון אט די מקורים (וועגן עגנונען רעדט מען ניט. ער איז אין א וועלט פאר זיך).

Chaver Abraham Igelfeld
18 Mt. Auburn Street
Cambridge, Mass. 02138
U.S.A.

אגרת אוויר
AEROGRAMME

דואר אוויר
PAR AVION

ירושלים
JERUSALEM
20.12.67

קפל ראשון

השולח—SENDER—EXPÉDITEUR

דוד – הירש ראָקאָס
שכון סטודנטים 10/204
קרית האוניברסיטה, ירושלים
Israel

קפל שלישי

אגרת שהושם בה דבר תישלח לפי תעריף של מכתב בדואר אויר.
Un aérogramme contenant un objet quelconque sera envoyé au tarif d'une lettre-avion.
An aerogramme containing any enclosure will be sent at airmail letter rate.

קפל שני

דער אוונט איז געווען א דורכפאל ווייל ער האט געוויזן אויף וויפל אונדזערע ייִדישע שרייבערס (סוצקעווערן ארייננגערעכנט) זיינען דערווייטערט פון דער ווירקלעכקייט. דאס קען דיר אויסקומען ווי א סתירה מיט דעם וואס איך האב געשריבן ביים אנהייב, אבער מילא, אויסגעהאלטן בין איך דאך קיין מאל ניט געווען. אבער אויב מע ווייסט ניט וועגן דער וועלט און אויב מע האט וועגן איר ניט קיין נייעס צו זאגן, איז שוין בעסער צו שווייגן אדער צו לייענען שיינע לידער. זאל מיר אברהם זיין געזונט און שטארק. זאל אים מקוים ווערן כאטש א העלפט פון דעם וואס איך ווינטש אים.

זיין געטרייער חבר וואס איז נאך
אלץ ניט געווארן א ציוניסט,

דוד - הירש